# בליי פארב סכנות אינדערהיים

## וואס טענאנטס זאלן וויסן און וואס געביידע אייגנטימער מוזן טוהן צו האלטן היימער פארזיכערט

דאס איז א ווערסיע פון די NYC העלט דעפארטמענט'ס בראשור מיט די קעפל "בליי פארב סכנות אינדערהיים" איוסגעשטעלט צו געדרוקט ווערן.

בליי **(לעד)** איז א גיפטיגע מאטעריאל וואס געפונט זיך אפט אין אלטע פארב. בליי פארגיפטיגונג קען פירן צו לערנען און אויפפירונג פראבלעמען אין קינדער. געביידעס וועלכע זענען געבויט געווארן בעפאר **1960** קענען מעגליך האבן בליי פארב אויף די ווענט, פענסטער, ווינדאָו סילס, טירן און אנדערע אויבערפלאכן.

אויב די פארב שיילט זיך אדער אויב אדער פאררעכטונגען ווערן געמאכט אויף אן אומזיכערן אופן, קענען בליי פארב און שטויב זיך פארשפרייטן ארום אייער היים. ווען קינדער לייגן זייערע הענט אדער שפילצייג אין זייערע מיילער, קענען זיי אראפשלינגען בליי שטויב.

אייגנטימער פון געוויסע עלטערע געביידעס מיט רענטעל יוניטס מוזן פאררעכטן בליי פארב סכנות אין אפארטמענטס וואו עס וואוינען קינדער פון פינף יאר אדער יונגער אדער וואו אזעלכע קינדער פארברענגען צום ווייניגסטנס **10** שעה א וואך.

**בליי פארב סכנות** רעכענען אריין בליי פארב וואס שיילט זיך אדער איז געשעדיגט אדער אויף אויבערפלאכן ווי גיבס פון די ווענט וואס צובערקלען זיך, פארשימלטע האלץ און טירן און פענסטער וואס רירן זיך אן, קלעבן אדער רייבן זיך צוזאם.

### געביידע אייגנטימער מוזן:

- שיקן א יערליכע נאטיץ צו פרעגן טענאנטס אויב א קינד פון פינף יאר אדער יונגער וואוינט אדער פארברענגט צום ווייניגסטנס **10** שעה א וואך אין זייער אפארטמענט.
- אינספעקטירן אפארטמענטס מיט קלענערע קינדער פאר בליי פארב סכנות און גיבן די רעזולטאטן פון די אינספעקציע פאר די טענאנטס.
- פאררעכטן בליי פארב סכנות אין אלע רענטעל יוניטס נוצנדיג זיכערע ארבעט סטאנדארטן. עס טאר נישט זיין קיין בליי פארב אויף פענסטער און טירן וועלכע רירן זיך אן, קלעבן אדער רייבן זיך צוזאם בעפאר א נייע טענאנט ציהט זיך אריין.
- צושטעלן א צייטווייליגע הויז אויב בליי פארב סכנות קענען נישט פאררעכטן ווערן זיכערערהייט מיט דעם טענאנט וואוינענדיג אין די אפארטמענט.
- איינמעלדן פאר די ניו יארק סיטי **(New York City, NYC)** דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע ווען מער פון **100** סקווער פיס פון בליי פארב וועלן צוגערירט ווערן אין א צימער, אדער אויב צוויי אדער מער געפארבטע פענסטער וועלן ערזעצט ווערן.
- האלטן רעקארדס אין פארבינדונג מיט בליי פארב אינספעקציעס, נאטיצן און פאררעכטונגען פאר צום ווייניגסטנס **10** יאר.

### טענאנטס מוזן:

- אויספילן און צוריקשיקן די יערליכע נאטיץ ביז פעברואר **15**.
- איינמעלדן דעם געביידע אייגנטומער אין שריפט אויב זיי האבן א בעיבי אדער אויב א קינד פון פינף יאר אדער יונגער קומט וואוינען אדער פארברענגען צום ווייניגסטנס **10** שעה א וואך אין זייער היים.

### זיכערע ארבעט סטאנדארטן:

- באנוצט זיך מיט ארבייטער וועלכע זענען סערטיפייד דורך די פאראייניגטע שטאטן **EPA** צו פאררעכטן בליי פארב סכנות און צו מאכן פאררעכטונגען וועלכע רירן צו בליי פארב.
- הענגט אויף ווארענונג שילדן אינדרויסן פון די פלאץ וואו די ארבעט קומט פאר.
- רוקט אדער פארדעקט אלע מעבל. פארזיגלט די ערד, טירן און אנדערע עפענונגען מיט פלאסטיק טעיפ וואס לאזט נישט אריבער וואסער.
- רייניגט די פלאץ טעגליך מיט נאסע מאפּס אדער מיט א **HEPA** וועקיום. פאר די לעצטע רייניגונג נאך די ארבעט איז פארטיג, רייניגט מיט א **HEPA** וועקיום, דערנאך מיט נאסע מאפס און דערנאך מיט די **HEPA** וועקיום נאכאמאל.
- ברענגט א זעלבסטשטענדיגע **EPA**-סערטיפייד קאנטראקטאר צו מאכן שטויב ווייפּ אונטערזוכונגען נאך די ארבעט איז פארטיג צו זיכער מאכן אז די בליי שטויב שטאפלען זענען זיכער.

**קראצט אדער סענדט קיינמאל נישט אפ טרוקענערהייט בליי פארב.**

**פינף-יאר טעסטינג פאדערונג (לאקאלער געזעץ 31 פון 2020)**
געביידע אייגנטימער מוזן טעסטן אלע אפארטמענטס פאר בליי פארב ביז אויגוסט **2025**,
אדער ביז איין יאר פון ווען א קינד פון פינף יאר אדער יונגער קומט וואוינען אדער
פארברענגען צום ווייניגסטנס **10** שעה אדער מער א וואך אין אן אפארטמענט.

## בליי פארב פארלעצונגען

- די **NYC** דעפארטמענט פון האוזינג אפהיטונג און דעוועלאפמענט **(Department of Housing Preservation and Development, HPD)** וועט אינספעקטירן אפארטמענטס מיט קלענערע קינדער אין עלטערע געביידעס אויב א טענאנט גיבט אריין א קאמפלעינט צו **311**.
- אויב טרעפט די **HPD** א סכנה פון בליי פארב, וועט דער געביידע אייגנטומער באקומען א פארלעצונג נאטיץ און געפאדערט ווערן צו פאררעכטן די סכנה ביז א באשטימטע צייט.
- געביידע אייגנטימער מוזן זיך באנוצן מיט זיכערע ארבעט סטאנדארטן צו פאררעכטן בליי פארב סכנה פארלעצונגען אדער צו אפקראצן בליי פארב. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/hpd** און זוכט פאר **"lead-based paint"** (בליי-באזירטע פארב).
- די **HPD** וועט נאכמאל אינספעקטירן אלע פארלעצונגען און פאררעכטן סיי וועלכע בליי פארב סכנות וואס דער געביידע אייגנטומער פאררעכט נישט אליין. טענאנטס זאלן אריינלאזן די **HPD** אין זייער אפארטמענט צו דורכפירן סיי וועלכע נויטיגע פאררעכטונגען.
- די **HPD** קען איבערקוקן די געביידע רעקארדס און אינספעקטירן גאנצע געביידעס פאר בליי פארב סכנות און פארן נישט טוהן ארבעט ווען די געביידע איז געשטאנען ליידיג.

### העלפט פארמיידן בליי פארגיפטיגונג:

- רופט **311** צו:
  - געוואויר ווערן וויאזוי צו באקומען א בליי טעסט.
  - באריכטן אויב אייער געביידע אייגנטומער פאררעכט נישט שיילנדע פארב אדער מאכט פאררעכטונגען אויף אן אומזיכערן אופן.
  - באשטעלן אן אומזיסטן בליי טעסט קיט פאר טרונקן וואסער.
  - באשטעלן קאפיעס פון די בראשור ווערסיע פון די דאקומענט אדער אנדערע מאטעריאלן איבער בליי.
- וואשט אפט די ערד, ווינדאָו סילס, הענט, שפילצייג און צומיס.
- רעדט צו אייער דאקטאר איבערן טעסטן אייער קינד פאר בליי. פאר הילף צו טרעפן א דאקטאר, רופט **311** אדער **844-692-4692**.

אייגנטימער פון א געביידע מיט רענטעל יוניטס מוזן גיבן א געדרוקטע אדער דיגיטאלע קאפיע פון די דאקומענט – אדער די בראשור ווערסיע דערפון (מיט די קעפל "בליי פארב סכנות אינדערהיים") – פאר טענאנטס ווען זיי שרייבן אונטער א ליעס אדער ווען זיי ציהען זיך אריין אין אן אפארטמענט, אויב די געביידע איז געבויט געווארן בעפאר **1960** (אדער צווישן **1960** און **1978**, אויב די געביידע האט בליי פארב). די דאקומענט און די בראשור ווערסיע אנטהאלטן וויכטיגע אינפארמאציע איבער בליי פארב, נישט לעגאלע אינפארמאציע.

פאר מער אינפארמאציע איבער:

- בליי פארגיפטיגונג פארמיידונג, באזוכט **nyc.gov/lead**.
- בליי פארגיפטיגונג פאר געביידע אייגנטימער, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"lead and building owners"** (בליי און געביידע אייגנטימער).
- געזעצן און באטרעפנדע כללים, וועבינארס און אנווייזונגען פאר אייגנטימער, באזוכט **nyc.gov/hpd** און זוכט פאר **"lead poisoning"** (בליי פארגיפטיגונג).

NYC Department of Health & Mental Hygiene | Department of Housing Preservation and Development